# נאָכן כירורגישן טיש

דאָס מעסערל ווייס
אַז מיר זענען נישט קאָרן
און מאַכט ווינטער אַ ווײַלע
אין מיטן דעם וואַקסן
און הייסט אונדז זײַן אײַנזאַם;
אונדזער אָטעם צעשיידט זיך:
צווישן לעבן און לעבן שפּאַצירט כלאָראָפאָרם.
מיט ווייכע ,געהיימע
און שאָטנדע טריט,
ווי צווישן צוויי דעכער
אַ קאַץ ,וואָס פאַרקוקט זיך
אויף וועלטישער הויך.
— — — — — —

מיר שלאָפן ,מיר שלאָפן,
ווי הייזער אין שפּעט נאַכט
נישט ווויסנדיק ,וואָס איבער אונדז קומט פאָר.
ווו זענען מיר?
צעשניידט מען אונדז טאַקע
ווי גלאָמביקע פּירות,
וואָס וויגן ביזן לעצטן
צי מיטן אָטעם
אין די גלידער דעם דופט,
דעם דופט פון די גערטן
ווו ס'טרויערט נאָך זיי איצט אַ בוים...?
אָדער זענען מיר מער?
עפּעס וואַרט נאָך אויף אונדז?
און מיר זענען בלויז
די פאַרזינדיקטע זין
פון אַ צאָרנדיקן קעניג:
אונדזער פרייד איז אין גלות,
כּדי מיר זאָלן טראָגן געטרייער די קרוין?
מיר זענען אין מדבריות פאַרטריבן...
דאָרשטיקע טרינקען מיר„ שלאָף־ ג־עטראַנק.“
קומט אַ מכשף און קריצט מיט אַ מעסער
ביי אונדז אויפן בויך:

„איר זענט ,מענטשן
געוועזן שוין
ביים זוים
פון תּהום,
קערט זיך אום
און געדענקט“!

מיר דערוואַכן אין ווייסן:
אזוי פרי האָט נאָך קיינער
דעם טויט נישט געזען...
— — — — — —
— — — — — —

פאַר וואָס זענען נישט אונדזערע לייבער די נעכט,
די טרויעריקע נעכט פון דער וועלט,
און בעת **מען צעשפּאַלט** אונדז ,זאָל אַ זינג טאָן דער האָן:
גאָט האָט דעמ חושך צעריסן ,עס העלט!
-- -- -- -- -- -- -- -- -- -- -- -- -- -- -- -- -- -- -- -- -- -- --

היינט, נ. 203, 1.9.1939